עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת

הרה"ח ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל

קונטרס ו'

"כבוד התורה – חלק א'"

# תוכן השיחה

דער שעבוד צו די תורה
יא, איך בין א כולל יונגערמאן!
די עבודה פון 'נעשה ונשמע'
תורה מיט הארץ
א מענטש איז העכער ווי א מלאך!
ווי ווערט געבויעט דעם משכן?
דו לערנס'ט 'ניצוצי נשמות'!
וואס מיינט א ירא 'שמיים'?
דער 'לבוש' פון די תורה
דער 'יחוד' ווערט דורך דעם צדיק

הערות והארות ניתן לפנות לטל' 0534159773

© כל הזכויות שמורות

כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות
בירושלים 05331.93747 בבי"ש 05341.52325
לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי בטל' 037630585 שלוחה 6491 1<
ניתן להאזין לשיעור בטל' 0723323796 4< 7<6
גרפיקה ועימוד: י. גרוס 0527644765

להשתתפות בהוצאת
הקונטרס ולקיחת חלק
בזיכוי הרבים בעת
שמחתכם או לזכרון
יקיריכם נא לפנות לטל'
0534159773

# כבוד התורה – חלק א

הדרך הנכונה בלימוד התורה ובמעלתו של ה'כולל יונגערמאן'

[שיחה שנמסרה בכוללים שע"י מוסדות קרן אור – זמן חורף תשפ"ב]

## דער שעבוד צו די תורה

ברשות אלע טייערע כולל יונגעלייט.

דער אמת איז אז איך שעם זיך צו קומען דא רעדן - עפעס א מענטש וואס זיצט אין שטוב, רעדט פאר יונגעלייט וואס זענען משועבד צו די תורה מיט א אמת'ע שעבוד, נישט ווי "אינו מצווה ועושה" נאר מען איז זיך משעבד..

מ'איז זיך משעבד די צייט - אנשטאט צו גיין ארבעטן אין א פלאץ וואס מ'צאלט אויפן שעה צען מאל אזויפיל - קומט מען זיך משעבד זיין צו א פלאץ וואס 'כולו שעבוד' און דער 'באצאלן' איז מהיכי תיתי.. - אבער ב"ה מ'ווייסט וואס צו זיך משעבד זיין.

פאר וועמען איז מען זיך משעבד?! - "**אָנֹכִי ה' אֱל-הֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים**[א]" שטייט פון חז"ל, און רש"י זאגט דארט אויפן פלאץ "אשר הוצאתיך מבית עבדים" - אז דער אויבערשטער האט אנגעהויבן מיט אונז, וואס האט ער מיט אונז? די ערשטע זאך זאלט איר וויסן זיין ווער זענט איר: איר זענט אלע געווען קנעכט, איך האב אייך ארויסגענומען - "**שעבודי קודם!**"

איך האב אייך ארויסגענומען פון מצרים - פון א שעבוד וואס איר זענט אלע געווען משועבד, און איך האב אייך ארויסגענומען פון דארטן. יעדער נייער שעבוד – זאלט איר וויסן: אז מיין שעבוד איז פאר אלע שעבודים; איך האב אייך גענומען אלץ קנעכט.

ס'שטייט דארטן אין די הגדה, אז טאקע "**כֻּלָּנוּ חֲכָמִים, כֻּלָּנוּ נְבוֹנִים**" - אבער אז דער אויבערשטער נעמט אונז נישט ארויס פון דארטן – "**הֲרֵי אָנוּ וּבָנֵינוּ וּבְנֵי בָנֵינוּ מְשֻׁעְבָּדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם**" - וואלטן אונז נאך ביז היינט געווען פרעה'ס קנעכט...

אזוי ווי דער רבי האט געזאגט[ב]: "**ווען דער אויבערשטער וואלט אונז נישט ארויסגענומען פון מצרים - וואלטן מיר געווען היינט ציגיינער** (- צוענים נודדים)**!**"

---

**א.** שמות כ, ב וז"ל רש"י שם: אשר הוצאתיך. **כדאי היא ההוצאה שתהיו משועבדים לי.**

וביקרא כ"ה, נ"ה: "כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים עֲבָדַי הֵם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אֲנִי ה' אֱלֹהֵיכֶם". וברש"י שם: כי לי בני ישראל עבדים. **שטרי קודם.** ומקורו בדברי חז"ל, ראה בילקו"ש ויקרא רמז תרס"ז: "כִּי עֲבָדַי הֵם" - שְׁטָרִי קוֹדֵם עֲלֵיהֶם רִאשׁוֹן. "אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם" - עַל תְּנַאי כָּךְ הוֹצֵאתִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם, שֶׁלֹּא יִמָּכְרוּ מִמְכֶּרֶת עֶבֶד. וראה גם רש"י בתהילים קי"ט פסוק ק"ל: תחילת דבריך האירו את לב ישראל שאתה המבין פתאים באמרך "אנכי אשר הוצאתיך", הודעתם בטובה שעשית להם **שקניתם מבית עבדים לדעת כי אדון אתה להם ויקבלו אלהותיך עליהם** לא יהיה לך אלהים אחרים וגו'. (וראה בליקו"ה ברכת השחר ג, מד)

**ב.** ראה שיש"ק ח"ג תס"ח

מיר דארפן וויסן: אָן יציאת מצרים און קבלת התורה – געהערן מיר צו זיין ציגיינער!

"**ישראל עזין שבאומות**[ג]" – אידן געהערן נישט צו קיינעם; אָן די תורה זענען מיר פשוט'ע ציגיינער. די אנדערע פעלקער קענען זיין אירופאישע, פראנצויזישע, ענגלישע – יעדער איינער מיט זיין תרבות.. אבער אידן; אָן די תורה זענען מיר פשוט'ע ציגיינער!

ווער עס גייט אוועק פון די תורה – ווערט א ציגיינער! מ'זעהט עס בחוש: ווער עס לאזט אָפּ די תורה ווערט ער א ציגיינער, א פשוט'ער ציגיינער.. ער איז קיין מענטש נישט; א 'פֶּרֶא אָדָם' ווערט ער - **אָן די תורה איז מען א 'פרא אדם'!**

דאס איז "אנכי ה' אלקיך": זאלסט וויסן, פארוואס וויל איך זאלסט קומען צו די תורה, זאלסט פאלגן די תורה, און זאלסט זיך משעבד זיין צו די תורה?! - אלעס הויבט זיך אן ווייל "אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים": דו ביזסט א ציגיינער, דאס ביזסטו - אָן דעם ביזסטו א ציגיינער!

אזוי הויבט מען אָן די הגדה אויך, פתח בגנות: "**מִתְּחִלָּה עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה הָיוּ אֲבוֹתֵינוּ, וְעַכְשָׁיו קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבֹדָתוֹ**"; מען רעדט פון מצרים זאלסטו וויסן זיין ווער זענען מיר – עובדי עבודה זרה זענען מיר, נאר דער אויבערשטער האט אונז מקרב געווען!

טאמער גייסטו מיט דעם 'קירוב' איז גוט, אז נישט בלייבסטו א 'עברי'.. (אזוי ווי די הגדה פירט דארטן אויס "בעבר הנהר ישבו אבותיכם", וואס פון דארטן קומט דער כינוי 'עברי' אויף אידן). אזוי ווי זיי (- די חפשיים) **זענען טאקע אנגעקומען, זיי זענען געווארן 'עִבְרִים'** - זיי האבן זיך דערווייטערט פון תורה ביז זיי זענען אנגעקומען צום תכלית;

---

ג. ביצה דף כ"ה: תנא משמיה דר"מ מפני מה נתנה תורה לישראל מפני שהן עזין. (ופירש רש"י: **שהן עזים.** ונתנה להם תורה שיעסקו בה והיא מתשת כחם ומכנעת לבם) והיינו דאמר ר"ש בן לקיש ג' עזין הן ישראל באומות וכו' עיי"ש.

א מדינה 'עברית', עבודה 'עברית', און געענדיגט - דאס איז ער; ער קומט אָן צום שורש, פונקט פון וואנעט ער איז געקומען..

## יא, איך בין א כולל יונגערמאן!

על כל פנים, דאס איז די תורה - מ'קען נישט משנה זיין די תורה. די תורה איז: **"אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים"** - אָן די תורה זענען מיר גארנישט! מיר זענען גארנישט...

אז ס'איז נאך געבליבן עפעס א 'שיריים דשיריים' – די "**שְׁאֵרִית פְּלֵטַת בֵּית סוֹפְרֵיהֶם**" וואס ס'איז געבליבן היינטיגן דור; א 'פליטה דפליטה' וואס איז געבליבן פון "פליטת בית סופריהם" וואס איז נאך גרייט צו זיך משעבד זיין צו די תורה, זענען נאך גרייט צו זאגן: **"יא, איך בין א כולל יונגערמאן!"** - מ'דארף מאכן בחינות, מ'שרייבט איין די זמנים, מ'דארף חתמ'ענען קארטע'ס - ממש זיך משעבד זיין.

[איינער א 'אויבער חכם' זאגט:] איך פארקערט, איך האב 'מוחין דגדלות' - איך בין משיג די תורה בשרשה, איך האב א שארפן מח, ס'פעלט מיר נישט אויס דער גאנצער לימוד. דער גאנצער כולל איז פאר מיר נאר 'קטנות'. נאר 'קטנות המוחין' איז דאס פאר מיר, ס'נעמט מיר אראָפּ, ס'איז נאר א ירידה פאר מיר.. דער **"חזון איש"** האט דאך געזאגט אז די כוללים מיט די ישיבות האט געהאלפן פאר עמי הארצים און קאליע געמאכט פאר תלמידי חכמים - איך בין פון די תלמידי חכמים וואס די כוללים מיט די ישיבות מאכט זיי קאליע, איך בין נישט פון די עמי הארצים וואס די כוללים מיט די ישיבות איז א טובה פאר זיי.. מיר מאכט עס נאר קאליע.

איז ווער ס'איז זוכה - וואס דער אויבערשטער העלפט אים און ס'ווערט מקויים ביי אים דער לשון וואס חז"ל זאגן **"רחמנא ליצלן מדעתא דידך"**[ד]

---

**ד.** ראה שבת דף פד:

- אז דער אויבערשטער האט רחמנות אז מען ווערט געראטעוועט פון די (פארקרומטע) דעה - דארף ער באמת זאגן 'אשרינו' - -

על כל פנים, איך שעם זיך אז איך קום רעדן פאר כולל יונגעלייט וואס זיי זיצן טאג טעגליך און זיי זענען זיך משעבד צו די תורה. איך ווען איך וויל קען איך שלאפן, ווען איך וויל קען איך עסן; איך טוה וואס איך וויל און איך קען זיך נאך קילן מיט א שיינע דרשה..

אבער דא זיצן יונגעלייט וואס זיצן פשוט און לערנען; נישט קיין דרשות, נישט קיין מעשיות - **מ'קומט מ'זעצט זיך און מ'לערנט**.

און נאכדעם האט מען נאכנישט צוגעשטעלט הונדערט פראצענט, מ'האט נאך טענות.. מען פילט אמאל אז מ'איז נאכנישט צוגעקומען צו די שלימות, ס'גייט צייט לאיבוד; מ'האט אָן א שיעור חלישות הדעת.. - און צו דעם איז מען זיך משעבד!

ווער ס'לערנט נישט אין כולל האט נישט חלישות הדעת - ווער ס'גייט ארבעטן פילט זיך מורא'דיג אז ער איז "קובע עיתים לתורה"; ער ווערט לערנען דעם 'דף היומי' צוויי מאל, ער קוקט אריין אין דעם 'שוטנשטיין' מיטן 'עוז והדר' ש"ס און ער האט שוין אפאָר חידושים.. ער דארף נישט גיין זוכן אין דעם 'פני יהושע' - ער קוקט אריין אין דעם שוטנשטיין ביי די הגהות זעהט ער שוין גלייך; ער האט צוגעטראפן די קשיא פון פני יהושע, ער איז מורא'דיג..

אבער קומט א יונגערמאן, ער זיצט אין כולל און לערנט און לערנט און חזר'ט - און צום סוף האט ער נישט קיין הונדערט פראצענט, און ער האט אפאָר 'אונסים' און ער איז שוין אינגאנצן ארויס אויף צרות..

בקיצור, דא איז ער א "**ראש לשועלים**" און דא איז ער א "**זנב לאריות**".

דא קומט ער און גייט אריבער זיבן יאר (פון זיצן אין כולל) - און אפאָר יונגעלייט האבן אויסגעשטיגן און ער איז געבליבן לֶקי'ש (אנ'געזעצ'ט).. טאמער וואלט ער געגאנגען אין די זעלבע צייט ארבעטן, וואלט ער שוין געווען; וואלט ער

גיוואָרן דער מנהל, וואלט ער געווען ערגעץ דארטן דער מנכ"ל, אדער איך ווייס - עפעס א צווייטע זאך..

## די עבודה פון 'נעשה ונשמע'

און אויף דעם אלעם דארף מען וויסן און געדענקען: דאס איז די גרויסקייט פון זיך משעבד זיין אינגאנצן צו די תורה!

דאס האט דער אויבערשטער אונז משעבד געווען – אזוי ווי ס'שטייט **"כפה עליהם הר כגיגית**[ה]" - אידן האבן געשריגן דארטן **"נעשה ונשמע"**, האט דער אויבערשטער געזאגט: אלץ פיין און וואויל, אבער 'כפה עליהם הר כגיגית' - איך וויל זעהן אז איר זענט זיך משעבד, נאכדעם וועט מען רעדן מיט אייך 'נעשה ונשמע'.

פאַרוואָס טאַקע - וואָס איז שלעכט "נעשה ונשמע"? - אויף דעם איז די תשובה אין תורה כ"ב, דער רבי זאָגט[ו]: ס'איז דא אסאך מדריגות אין נעשה

**ה.** שבת דף פח ע"א: ויתיצבו בתחתית ההר א"ר אבדימי בר חמא בר חסא מלמד שכפה הקב"ה עליהם את ההר כגיגית ואמר להם אם אתם מקבלים התורה מוטב ואם לאו שם תהא קבורתכם.

**ו.** ליקוטי מוהר"ן תורה כ"ב וזל"ש בקילו"מ: וְכָל אָדָם יֵשׁ לוֹ בְּחִינַת נִגְלֶה וְנִסְתָּר שֶׁהֵם בְּחִינַת תּוֹרָה וּתְפִלָּה. וְצָרִיךְ כָּל אָדָם לַעֲלוֹת בְּכָל פַּעַם מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא וּמֵעוֹלָם לְעוֹלָם, עַד שֶׁיִּזְכֶּה בְּכָל פַּעַם לִבְחִינַת נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע גָּבֹהַּ יוֹתֵר, שֶׁיִּהְיֶה נַעֲשֶׂה אֶצְלוֹ בְּכָל פַּעַם מִבְּחִינַת נִשְׁמַע בְּחִינַת נִסְתָּר בְּחִינַת תְּפִלָּה, שֶׁהִיא בְּחִינַת דִּבְרֵי הַתּוֹרָה שֶׁהֵם סְבִיבוֹת כָּל מִצְוָה, שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ אֵיךְ לַעֲבֹד בָּזֶה אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחִינַת תּוֹרַת ה', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "הַנִּסְתָּרוֹת לַה' אֱלֹקֵינוּ" (דְּבָרִים כט, כח), יִהְיֶה נַעֲשֶׂה מִזֶּה בְּחִינַת נַעֲשֶׂה בְּחִינַת נִגְלֶה, בְּחִינַת תּוֹרָה בְּחִינַת תּוֹרָתוֹ. וְאָז יִהְיֶה לוֹ בְּחִינַת נִשְׁמַע וְכוּ' כַּנַּ"ל גָּבֹהַּ יוֹתֵר. כִּי כְּשֶׁבָּא לְמַדְרֵגָה גְּבֹהָה מֵהָרִאשׁוֹנָה אֲזַי נַעֲשֶׂה מֵהַנִּשְׁמַע שֶׁלּוֹ בְּחִינַת נַעֲשֶׂה וַאֲזַי יֵשׁ לוֹ בְּחִינַת נִשְׁמַע אַחֶרֶת, וְכֵן מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא. וְצָרִיךְ לִלְמֹד תּוֹרָה וּלְהַרְבּוֹת בִּתְפִלָּה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, עַד שֶׁיְּגַלֶּה לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הַנִּסְתָּר מִמֶּנּוּ, וְיִהְיֶה נַעֲשֶׂה מֵהַנִּסְתָּר נִגְלֶה. וְאַחַר־כָּךְ יִתְפַּלֵּל עוֹד עַד שֶׁיִּתְגַּלֶּה לוֹ אַחַר־כָּךְ גַּם הַנִּסְתָּר הַגָּבֹהַּ יוֹתֵר. וְכֵן בְּכָל פַּעַם יֵלֵךְ מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא, גָּבֹהַּ יוֹתֵר, לְבַקֵּשׁ בְּכָל פַּעַם

ונשמע; אין שאול תחתית קען מען אויך זאגן נעשה ונשמע - ס'איז דא אסאך מדריגות אין דעם. די שאלה וואספארא 'נעשה ונשמע' דו האלסט?!

יעדער איינער זאגט נעשה ונשמע, די שאלה איז וואס זיין נעשה ונשמע איז.. דערפאר האט דער אויבערשטער זיי געצוואונגען "כפה עליהם הר כגיגית" – ער האט אריין געברענגט אין זיי א אנדער נעשה ונשמע, גאר אַן אנדער נעשה ונשמע - -

ווען מיר רעדן טאקע אין די תורה דא - אַזאַ תורה וואס דער עולם לערנט איצטער[ז] - דער רבי זאגט דארטן אז 'נעשה ונשמע' איז 'תורה ותפילה'.

'נעשה' הייסט אז מ'לערנט למעשה; 'הלכה למעשה', מ'לערנט און מ'איז מקיים - דאס איז נעשה. וויפל איך לערן דאס איז נעשה; מען לערנט און מ'איז זוכה צו מקיים זיין.

אבער וואס איז מיט דעם וואס איך לערן נישט? וואס איז מיט דאס וואס איך האב נאכנישט זוכה געווען ס'זאל זיין ביי מיר 'נעשה'?! - זאגט דער רבי: דאס איז 'נשמע'; אויף דעם - אויף די מדריגה וואס איך טוה למעשה - דאס איז 'נעשה'. אבער די חלק וואס איך בין נישט זוכה צו מקיים זיין - דאס איז 'נשמע'.

און וואס איז נשמע? זאגט דער רבי[ח]: 'נשמע' איז תפילה, ווייל תפילה איז "עבודה שבלב" - תפילה איז א עבודה שבלב. ביי די הארץ שטייט 'לֵב

---

מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְהַשִּׂיג הַנִּסְתָּר הַגָּבֹהַּ יוֹתֵר, עַד שֶׁיָּבוֹא בְּרֵאשִׁית נְקֻדַּת הַבְּרִיאָה שֶׁהוּא תְּחִלַּת הָאֲצִילוּת.

**ז.** תורה כ"ב שלמדו אז אנ"ש במסגרת "**התורה הזמנית**", חשוון - אדר תשפ"ב.

**ח.** שם באות ט וז"ל: וְזֶה בְּחִינַת נִשְׁמָע בְּחִינַת נִסְתָּר, וְזֶה בְּחִינַת תּוֹרָה וּתְפִלָּה. נַעֲשֶׂה הוּא בְּחִינַת תּוֹרָה הַיְנוּ הַנִּגְלוֹת מַה שֶּׁיּוֹדֵעַ לְקַיֵּם וְנִשְׁמָע הֵם בְּחִינַת נִסְתָּרוֹת בְּחִינַת דִּבּוּרֵי הַתּוֹרָה שֶׁהֵם הַדִּבּוּרִים שֶׁל הַתּוֹרָה שֶׁסְּבִיבוֹת כָּל מִצְוָה שֶׁהֵם בְּחִינַת נִסְתָּר כַּנַּ"ל שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ אֵיךְ לַעֲבֹד בָּזֶה אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחִינַת תְּפִלָּה, שֶׁהִיא דְבֵקוּת כִּי שְׁמִיעָה תָּלְיָא בְּלִבָּא (תִּקּוּן נ"ח) כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מְלָכִים א ג): "וְנָתַתָּ לְעַבְדְּךָ לֵב שֹׁמֵעַ" וַעֲבוֹדָה שֶׁבַּלֵּב זוֹ תְּפִלָּה (תַּעֲנִית ב) הַיְנוּ בִּטּוּל וּדְבֵקוּת לְאֵין סוֹף כִּי

שְׁמֵעַ' - שלמה המלך האט געבעטן דעם אויבערשטן "**וְנָתַתָּ לְעַבְדְּךָ לֵב שֹׁמֵעַ!**" וואס הייסט לב שומע? א הארץ וואס בענקט, א הארץ וואס בענקט; וואס וויל הערן[ט]!

ס'דא איינער וואס ער לערנט, וואס ער לערנט [דאס] לערנט ער! - אבער פון וואו ער לערנט נישט - איז געענדיגט..

אויף דעם זאגט שלמה המלך אין משלי: "**לִקְנוֹת חָכְמָה וְלֵב אָיִן**"[י] – א מענטש לערנט חכמה, ער לערנט חכמה.. - ס'איז דא מענטשן וואס לערנען א גאנצן טאג. אבער וואס ער לערנט – די מדריגה וואס ער שטייט, דארטן שטייט ער!

וואס ער לערנט, לערנט ער! וואו ער שטייט – דארטן קענסטו אים טרעפן אין דרייסיג יאר ארום אין פופציג יאר ארום די זעלבע זאך, ער גייט נישט ווייטער! ער לערנט ער לערנט.. - דאס איז זיין מדריגה.

אבער וואס איז מיט די זאכן וואס ער דארף גיין ווייטער - מערער לערנען; מער בכמות מער באיכות, מער מיט 'לשמה', מער בפנימיות, מער מקיים זיין, מער אלע גוטע מידות, אלע 'מ"ח קניינים' וואס מ'דארף פאר די תורה – ס'איז דאך א אנדער תורה..

אויף דעם זאגט אונז שלמה המלך: "לקנות חכמה ולב אין", א מענטש וויל קונה זיין חכמה, אבער אָן הארץ.. - ס'גייט נישט אזוי!

---

אֵין סוֹף הוּא בְּחִינַת מַה שֶּׁאֵין בּוֹ תְּפִיסָה וּמֵאַחַר שֶׁאֵין לוֹ תְּפִיסָה בָּזֶה [הַיְנוּ בְּדִבּוּרֵי הַתּוֹרָה הַנַּ"ל כִּי הוּא בְּחִינַת נִסְתָּר כַּנַּ"ל] הוּא בְּחִינַת תְּפִלָּה דְּבֵקוּת שֶׁהוּא רַק בִּטּוּל לְהָאֵין סוֹף.

**ט.** ראה ברמב"ן עה"ת בראשית מו, א ובליקו"ה פריה ורביה ג, טז.

**י.** משלי י"ז, טז

## תורה מיט האַרץ

אין סוף ליקוטי מוהר"ן זאגט[יא] דער רבי - אין תורה צ"א אין צווייטן חלק: דער לערנען תורה, דער תלמיד וואס לערנט תורה - ווערט אנגערופן "**לָמֶ"ד**". די גמרא זאגט דאך אין חגיגה אז דער אות ל' איז א "**מגדל הפורח באוויר**" – די צורה פון דעם אות ל', איז אז ס'גייט ארויס עפעס א טורעם מער פון אלע אותיות; ער איז דער איינציגסטער אות וואס ס'ציהט זיך ארויס א טורעם פון דעם אויף דער לופט.

זאגט דער רבי אז דאס איז די הארץ: "**כי הלב פורח באויר** - די הארץ פון דעם תלמיד וואס ער לערנט איז א לב פורח באויר - **ועל ידי זה מבין האדם השומע**".

**"כי עיקר הבנת התלמיד הוא על ידי הלב, כי הרב צריך לומר דברים המתיישבין על הלב והתלמיד צריך ליתן הלב להתבונן מה שאומר הרב, כמו שכתוב "לקנות חכמה ולב אין", ועל כן מה שהתלמיד מקבל הוא בחינת למ"ד בחינת מגדל הפורח כנ"ל"** - דערפאר רופט ער זיך 'למ"ד' לשון תלמיד הלומד מהרב (- 'לימוד' איז דער זעלבן שורש פון ל.מ.ד).

קומט אויס, אז מ'לערנט תורה דארף מען לערנען מיט הארץ - א 'מגדל פורח באויר'; ס'ציהט זיך ארויף..

---

**יא.** וזל"ש: כִּי מַה שֶּׁהָרַב מְלַמֵּד עִם תַּלְמִידוֹ וְהַתַּלְמִיד מְקַבֵּל מִמֶּנּוּ הוּא בְּחִינַת חָכְמָה עִלָּאָה וְחָכְמָה תַּתָּאָה. וְחָכְמָה עִלָּאָה, דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁהָרַב מְלַמֵּד לְהַתַּלְמִיד זֶה בְּחִינַת יוּד וּמַה שֶּׁהַתַּלְמִיד מְקַבֵּל מִמֶּנּוּ, שֶׁזֶּה בְּחִינַת חָכְמָה תַּתָּאָה הוּא בְּחִינַת לָמֶד שֶׁהוּא בְּחִינַת מִגְדָּל הַפּוֹרֵחַ בָּאֲוִיר (חֲגִיגָה טו: עַיֵּן רַשִׁ"י שָׁם). כִּי הַלֵּב פּוֹרֵחַ בָּאֲוִיר וְשׁוֹמֵעַ מַה שֶּׁהָרַב אוֹמֵר וְעַל יְדֵי זֶה מֵבִין הָאָדָם הַשּׁוֹמֵעַ כִּי עִקַּר הֲבָנַת הַתַּלְמִיד הוּא עַל יְדֵי הַלֵּב כִּי הָרַב צָרִיךְ לוֹמַר דְּבָרִים הַמִּתְיַשְּׁבִין עַל הַלֵּב. והתלמיד צריך ליתן הלב וּלְהִתְבּוֹנֵן בַּמֶּה שֶּׁאָמַר הָרַב, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי י"ז): "לִקְנוֹת חָכְמָה וְלֵב אָיִן". וְעַל כֵּן מַה שֶּׁהַתַּלְמִיד מְקַבֵּל הוּא בְּחִינַת לָמֶד בְּחִינַת מִגְדָּל הַפּוֹרֵחַ כַּנַּ"ל.

ס'איז דא איינער ער לערנט, ער דארף מאכן א בחינה. זאגט ער: שוין וואס דארף איך, איך דארף צושטעלן א בחינה, באקומט א צעטל און פילט אן.. אפילו ער וועט ווערן טאקע א 'בעל הוראה'.. - אבער ס'איז אָן הארץ! אָן א הארץ; 'שטייט אזוי, דא שטייט אזוי' - ער קען ענטפערן תשובות..

אבער וואו איז די הארץ?!

אז ס'פעלט די הארץ אין די תורה, זאל דער אויבערשטער אויסהיטן - ס'זאל נישט זיין קיין 'סם המוות'[יב] די תורה..

אבער אז די תורה איז מיט א הארץ, די תורה איז מיט א פנימיות - איז דאס א אנדער תורה, ער פארשטייט אנדערש די תורה, ער הערט אנדערע זאכן אין די תורה. ער נעמט נישט ארויס קיין 'דין מרומה'[יג] - אין יעדע 'דין תורה' זעהט ער די נשמה פון די זאך, אין יעדע הלכה זעהט ער די נשמה פון די זאך.

נישט מ'טרעפט פון א 'דאורייתא' צו מאכן א 'דרבנן', פון א וודאי מאכן א ספק, פון א דאורייתא מאכן א דרבנן.. מיט א גוטן פלפול קומט מען און ס'ווערט ארויסגעשלעפט א היתר; ס'איז דא א 'היתר', ס'איז נישט קיין וודאי דאורייתא ס'איז א ספק דרבנן - און געענדיגט, ס'האט זיך געביטן..

קענסטו זיך דינגען מיט אים?! - ער קען דיר פארמאטערן א טאג צייט, ער וועט דיר האקן פלפולים מיט מראה מקומות; קענסט אים גארנישט אויפווייזן..

דאס איז "**לקנות חכמה ולב אין**[יד]" – ער לערנט אָן א הארץ, ער האט נישט די הארץ פון די זאך, ער האט נישט דעם אמת פון די זאך, ער לעבט נישט אין דעם; ער קוקט נישט וואס דער אויבערשטער וויל..

---

**יב.** ראה ליקוטי מוהר"ן תורה ל"א ותורה ל"ו

**יג.** ראה בטוש"ע חו"מ סימן ט"ו (וראה בליקו"ה ריבית ה, כ"ט. והל' דיינים ב, ב והל' דיניים ג, ב)

**יד.** ראה ליקו"מ תורה נ"ה אות ו' וזל"ש: אֲבָל מֵחֲמַת שֶׁשִּׂכְלָם יוֹתֵר מִמַּעֲשֵׂיהֶם הַטּוֹבִים בְּחִינַת (אָבוֹת פֶּרֶק ג) : כָּל שֶׁחָכְמָתוֹ מְרֻבָּה מִמַּעֲשָׂיו עַל יְדֵי זֶה כְּשֶׁהַמַּחֲשָׁבָה שִׂכְלִיּוֹת חוֹזֶרֶת אֶל לִבָּם

לערנט אונז דער רבי: די תורה דארף גיין "**נעשה ונשמע**" – ס'דארף גיין תורה מיט תפילה, תורה מיט תפילה. מ'דארף לערנען תורה, מיר דארפן האבן די תורה - אבער מיר דארפן לערנען מיט הארץ; צו ווען גיין ווייטער, נאכמער.

זאגט דער רבי: אבער ס'איז נישט גענוג אז מ'האט נעשה ונשמע – איין מאל נעשה ונשמע איז נישט גענוג. א מענטש האט נעשה ונשמע איז זייער גוט, ער האט נעשה – ער לערנט, שפעטער האט ער נשמע – ער האט 'דביקות', דביקות.. אבער ס'איז נאכנישט, די דביקות אליין וואס ער האט - איז נישט גענוג!

ווען ווייס איך אז ער גייט גוט? אז ער פועל'ט מיטן נשמע! – אז דער נשמע גייט אזוי שטארק, אז דער נשמע ווערט פון דעם א נייער נעשה. אז דער נשמע - וואס ס'איז פריער געווען ביי אים נשמע - ווערט ביי אים נעשה. ס'ווערט א נייער נשמע, א העכערער נשמע - פון דעם נשמע זיינע קומט ער אָן, און ס'ווערט פון אים מער למעשה (- נעשה).

א איד בענקט מער צום אויבערשטן דארף מען עס אויך זעהן אין זיינע מעשים - זיינע מעשים דארף ווערן בעסער; אז ער האט נייע בעסערע מעשים, אז דער לערנען האט א עלייה. און אז דער לערנען איז א בעסערער לערנען - איז שפעטער דא נאך א גרעסערער נשמע.

דאס הייסט "נעשה ונשמע": נעשה ונשמע הייסט, נישט אז מ'בלייבט שטעקן אין איין דרגה - נאר מ'גייט **מדרגא לדרגא**.

---

אֵין כֹּחַ בְּלִבָּם לְהָכִיל אֶת הַשֵּׂכֶל כִּי עִקַּר חִזּוּק הַלֵּב, הוּא עַל יְדֵי מַעֲשִׂים טוֹבִים (מִשְׁלֵי י"ז) **"לִקְנוֹת חָכְמָה וְלֵב אָיִן"** וְעַל יְדֵי זֶה הַשֵּׂכֶל הֵם מַחֲטִיאִים וְהֵן הֵן הַפִּילוֹסוֹפִים, שֶׁאֵין לָהֶם לֵב טוֹב וְטָהוֹר (עיין אבות פ"ב תהלים נ"א:) וְאֵינָם בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים קי"ט) : "בְּלִבִּי צָפַנְתִּי אִמְרָתֶךָ לְמַעַן לֹא אֶחֱטָא לָךְ" וּמֵחֲמַת זֶה הַשֵּׂכֶל מַחֲטִיאִים בְּיוֹתֵר.

## א מענטש איז העכער ווי א מלאך!

זאגט דער רבי[טו]: ס'שטייט דארטן אז דער אויבערשטער זאגט **"מי גילה רז זה לבני[טז]"** צו זאגן נעשה ונשמע?! - די מלאכים זאגן דאך נעשה ונשמע. ווען משה רבינו איז ארויפגעגאנגען נעמען די תורה האט ער געזאגט: איך וויל די תורה! האבן זיי אים געזאגט: וואס הייסט מ'נעמט צו די תורה - די תורה איז פון אונז - מיר זאגן נעשה ונשמע; נעמט מען צו די תורה פון אונז?! האט דער אויבערשטער געזאגט פאר משה רבינו: ענטפער זיי א תשובה. האט משה זיי געענטפערט: במצרים ירדתם – איר האט א יצה"ר? איר זענט עוסק אין משא ומתן?! - האט ער זיי אנגעהויבן ענטפערן[יז]..

פרעגן אלע[יח]: וואס האט ער זיי געענטפערט דא? - וואס האבן זיי געפרעגט, און וואס האט ער זיי געענטפערט?! מ'ענטפערט אויף אלע אופנים, און פון אלע ענטפערס איז עולה בקנה אחד.

אבער עכ"פ לפי וואס מיר רעדן דא אין די תורה, איז דער הסבר הדברים: זיי האבן טאקע נעשה ונשמע, אבער אויף די מלאכים שטייט[יט] אז זיי זענען

**טז.** שם בתורה כ"ב אות י"ח: בְּכָל עוֹלָם יֵשׁ בְּחִינַת נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע וְכֵן בַּמַּלְאָכִים יֵשׁ נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ק"ג) : "גִּבּוֹרֵי כֹחַ עֹשֵׂי דְבָרוֹ לִשְׁמֹעַ בְּקוֹל דְּבָרוֹ" וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת פ"ח): מִי גִּלָּה רָז זֶה לְבָנַי, רָז שֶׁמַּלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת מִשְׁתַּמְּשִׁין בּוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר: "גִּבּוֹרֵי כֹחַ" וכו'.

**טז.** ראה שבת דף פ"ח ע"א: אמר רבי אלעזר בשעה שהקדימו ישראל נעשה לנשמע יצתה בת קול ואמרה להן מי גילה לבני רז זה שמלאכי השרת משתמשין בו דכתיב {תהילים קג-כ} ברכו ה' מלאכיו גבורי כח עושי דברו בקול דברו ברישא עושי והדר לשמוע.

**יז.** ראה שם בשבת דף פח:

**יח.** ראה שם במהרש"א,

**יט.** זכריה ג, ז: וְנָתַתִּי לְךָ מַהְלְכִים בֵּין הָעֹמְדִים הָאֵלֶּה. ופירש רש"י: העומדים. שרפים ומלאכי השרת שאין להם ישיבה. (וראה בליקו"ה נפילת אפיים ה, ט.).

"**עומדים**". די מלאכים זענען עומדים, זיי שטייען; א גאנצן לעבן שטייען זיי אין איין מדריגה פון נעשה ונשמע, זיי לערנען תורה און זיי בענקען.

אזוי ווי ס'שטייט דארטן אין די הפטורות פון די מרכבה - אז די גאנצע מציאות פון מלאכים איז "**רוֹעֲשִׁים**[כ]", זיי ברענען "**רָצוֹא וָשׁוֹב**[כא]". זיי פראבירן זיך אויפהייבן און גייען אראפ אויף צוריק - אבער זיי רוקן זיך נישט פון פלאץ. זיי שטייען אויף זייער פלאץ און זענען משיג דעם אויבערשטן - זיי פראבירן גיין ווייטער און זיי בלייבן אויף זייער פלאץ.

וויל א מלאך איז א "**עומד**" - אבער א איד, א איד איז א "**עולה**".

דער רבי זאגט[כב]: **"אי אפשר להיות איש הישראלי באמת** - מ'קען נישט זיין קיין איש הישראלי באמת – **נאר דורך ארץ ישראל"**. זאגט דארטן דער רבי וואס הייסט עס א 'איש הישראלי באמת'? אז ער גייט **מדרגה לדרגה!** - דאס הייסט א איד.

א איד איז נישט קיין מלאך זאגט דער רבי - מ'האט גערעדט וועגן הייליגן רבי אברהם המלאך האט דער רבי געזאגט[כג]: **"א מענטש איז גרעסער ווי א מלאך!"** - דער אמת'ער טיטל פון א מענטש דארף זיין: מער ווי א מלאך!

---

**כ.** ראה יוצרות לשבת הגדול: עִירִין וְקַדִּישִׁין רוֹעֲשִׁים וּמַקְדִּישִׁים בְּקֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים.

**כא.** יחקאל א, יג -יד: וּדְמוּת הַחַיּוֹת מַרְאֵיהֶם כְּגַחֲלֵי אֵשׁ בֹּעֲרוֹת כְּמַרְאֵה הַלַּפִּדִים הִיא מִתְהַלֶּכֶת בֵּין הַחַיּוֹת וְנֹגַהּ לָאֵשׁ וּמִן הָאֵשׁ יוֹצֵא בָרָק. וְהַחַיּוֹת רָצוֹא וָשׁוֹב כְּמַרְאֵה הַבָּזָק.

**כב.** ראה ליקוטי עצות ארץ ישראל אות ג' וז"ל: **מִי שֶׁרוֹצֶה לִהְיוֹת אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי בֶּאֱמֶת, דְּהַיְנוּ שֶׁיֵּלֵךְ מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא אִי אֶפְשָׁר כִּי אִם עַל־יְדֵי קְדֻשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.**

**כג.** ראה שיש"ק ח"א תקמ"ב: כשדיברו פעם לפני רבנו אודות הצדיק רבי אברהם בן המגיד הגדול ממעזריטש, שהגיע למדריגת מלאך - "ער איז צוגעקומען צו די מדריגה פון א מלאך", נענה רבנו ואמר: "**א מענטש א מלאך - איז העכער פון א מלאך!**" - אדם שהוא מלאך, נעלה הוא יותר ממלאך!

וראה בליקו"מ תורה רמ"ד: הָאָדָם שֶׁהוּא בָּעוֹלָם הַזֶּה הַשָּׁפָל אֲשֶׁר מַלְאָכִים אֵין לָהֶם כֹּחַ לַעֲמֹד בְּזֶה הָעוֹלָם כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ שֶׁפַּעַם אַחַת בָּאוּ מַלְאָכִים בְּזֶה הָעוֹלָם וְנִלְכְּדוּ מְאֹד (זהַר בְּרֵאשִׁית דַּף נ"ח) אֲבָל בֶּאֱמֶת **יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם כֹּחַ יוֹתֵר מִמַּלְאָכִים** וְהֵם יְכוֹלִין לַעֲמֹד בְּזֶה הָעוֹלָם וּלְהִתְגַּבֵּר עַל הָעוֹלָם הַזֶּה וּלְהִדָּבֵק בְּהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ. [וראה באריכות נפלאה בליקו"ה תחומין ה, ד - ו.]

א מענטש דארף גיין ווייטער, א מענטש דארף נישט שטיין אויף א פלאץ, א מענטש דארף גיין מדרגה לדרגה. דאס הייסט – דאס האט משה געענטפערט פאר די מלאכים: וואס הייסט? איר האט נעשה ונשמע?! - די מלאכים האבן טאקע 'נעשה ונשמע', אבער זיי שטייען אלעמאל אויף די זעלבע פלאץ; ער בלייבט דער זעלבער מלאך!

טאמער האט ער איינמאל א ירידה - א מלאך איז אראפגעקומען[כד] ביי די צייט פון אברהם אבינו, האט שוין געדויערט דארטן הונדערטער יארן ביז ער האט געקענט צוריק [ארויף] גיין אויפן פלאץ. א מלאך געבט א קום אראפ אויף דער וועלט; ער קען נישט גיין..

פארוואס? ווייל אז מ'וויל גיין ווייטער מדרגא לדרגא - זאגט דער רבי[כה] - דארף מען גיין א ירידה, **"ירידה לצורך עליה"** - אז מ'גייט אראפ קען מען ארויף גיין ווייטער. אבער א מלאך קען נישט אראפגיין - ער שטייט אויף זיין פלאץ אזוי ווי א מלאך, און ברענט און ברענט און ברענט.. - אבער ער קען נישט אראפגיין א ירידה!

אבער א **'איד'** קען אראפגיין און דינען דעם אויבערשטן אויך פון די ירידה - און דעמאלטס גייט ער ארויף נאך א העכערע מדריגה ווי ער איז געווען פריער - דאס הייסט, דאס איז נעשה ונשמע פון מענטשן (- און דאס האט משה געענטפערט פאר די מלאכים).

נעשה ונשמע פון מלאכים איז איין נעשה ונשמע, אבער נעשה ונשמע פון בני אדם - איז אז יעדע מאל ווערט א נייער נעשה ונשמע. יעדער מאל; ער בלייבט נישט אוואו ער איז געשטאנען אין א פריערדיגער נעשה ונשמע - נאר ער גייט צו א העכערן נעשה ונשמע.

---

**כד.** ראה ילקו"ש בראשית רמז מ"ד ומובא כמה פעמים בליקו"ה (הל' נדרים ד, יז. גביית חוב ה, כ. ועוד)

**כה.** שם בתורה כ' אות י"א וזל"ש: אַף כְּשֶׁרוֹצִים לָצֵאת מִמַּדְרֵגַת נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע זֶה לְמַדְרֵגַת נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע גָּבוֹהַּ מִמֶּנָּה צָרִיךְ לִהְיוֹת יְרִידָה קֹדֶם הָעֲלִיָּה כִּי הַיְרִידָה הִיא תַּכְלִית הָעֲלִיָּה. (עיי"פ באריכות)

וואס הייסט אז ס'ווערט א העכערער נעשה ונשמע? אז דער נשמע ווערט א נעשה! דער 'נשמע' איז נישט אז ער ברענט און ברענט און ברענט.. - נאר דער ברענען דארף ברענגען אז ס'ווערט בעסער אין זיין עשייה (- זיין 'נעשה')؛ לערנט ער אנדערש און איז מקיים אנדערש, ס'איז שוין א אנדער סארט זאך.

דעמאלטס ווערט נאכדעם א גרעסערער 'נשמע' - ער גייט אריין אין א גרעסערער 'נשמע', דארף שוין ווערן פון דעם א נייער 'נעשה', וחוזר חלילה - אזוי גייט עס אלעמאל. דאס הייסט נעשה ונשמע, דאס איז די עבודה פון נעשה ונשמע[כו].

זאגט[כז] דארטן דער רבי ביים סוף תורה: ס'שטייט אז **"בימי רבן גמליאל היו לומדים תורה בעמידה "** - וואס הייסט תורה בעמידה? זאגט דער רבי **"עמידה איז בחינת תפילה"** – עמידה איז אלעמאל בחינת תפילה, תפילה דארף זיין בעמידה. בימי רבן גמליאל האט מען געלערנט תורה בעמידה - תורה בעמידה הייסט אז מ'האט געמאכט פון די תורות - תפילות, מ'האט געלערנט די תורה און ס'איז געווען געבונדן מיט תפילה.

דערפאר **"משמת רבן גמליאל בטל כבוד התורה"** - ווייל דאס איז דער עיקר "כבוד התורה" - דער עיקר כבוד התורה איז ווען די תורה גייט צוזאמען מיט תפילה; ווען פון די תורה ווערט א תפילה און נאכדעם ווערט פון די תפילה - תורה.

אזוי איז רבי נתן מסביר[כח]: אז פון די תורה דארף ווערן תפילה - אז די תורה ברענגט אים א חיזוק אין תפילה אז ער איז מער מתפלל. און נאכדעם פון די תפילה ווערט פון דעם תורה - אז וואס ס'איז פריער געווען ביי אים א העכערע מדריגה (- נשמע, תפילה) ווערט ביי אים תורה (- נעשה)!

---

**כו.** ראה בליקו"ה נשיאת כפיים ד, ה.

**כז.** וזל"ש: בִּימֵי רַבָּן גַּמְלִיאֵל הָיָה הַדּוֹר שֶׁהָיְתָה תּוֹרָתָם בְּחִינַת נִשְׁמָע בְּחִינַת תְּפִלָּה וזהו (מְגִלָּה כ"א): בִּימֵי רַבָּן גַּמְלִיאֵל הָיוּ לוֹמְדִים תּוֹרָה בַּעֲמִידָה עֲמִידָה הוּא בְּחִינַת תְּפִלָּה כַּנַּ"ל וְעַל כֵּן מִשֶּׁמֵּת רַבָּן גַּמְלִיאֵל בָּטֵל כְּבוֹד הַתּוֹרָה כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל (שָׁם וּבְסוֹטָה מ"ט).

**כח.** ראה באריכות נפלאה בליקו"ה ראש חודש ה, לו.

## ווי ווערט געבויעט דעם משכן?

און די ווערטער (אז תורה און תפילה גייען צוזאמען און באשיינען איינער דעם אנדערן, און דאס איז די בחינה פון 'כבוד') איז אין **תורה ב'** איז דער רבי עס אביסל מער מבאר, און דארטן שטייט דברים נוראים, אזוי ווי מיר וועלן זעהן.

דער רבי הויבט אן דארטן די תורה מיט דעם אז - **"עיקר כלי זינו של משיח הוא התפילה"** - דער עיקר כלי זיין וואס משיח וועט איבערנעמען די וועלט מיט דעם, איז תפילה. דער רבי האט געזאגט: **"משיח וועט איבערנעמען די וועלט אן א שאס פולווער**[כט]**!"** ווער ס'מיינט אז ס'דארף עפעס, ס'דארף עפעס זיין (- שרעקעדיגע מלחמות)... זאגט דער רבי: ניין, משיח וועט איבערנעמען די וועלט **אן א שאס פולווער!** אן א שאס פולווער...

ר' **לוי יצחק בנדר** ז"ל פלעגט זאגן[ל]: ביי אונזערע לייט ווען איינער האט גערעדט עפעס א העכערן ווארט, ער האט געשריגן עפעס אויפן צווייטן, האט מען געזאגט: **דו שיסט שוין פולווער! דו שיסט שוין פולווער - -**

מ'דארף נישט קיין שום פולווער, מ'קען איבערנעמען די גאנצע וועלט - יעדער איינער קען איבערנעמען אלץ וואס ער דארף איבערנעמען - אן קיין שאס פולווער! מ'דארף נישט גיין מיט כח, נאר מיט תפילה!

דער רבי זאגט: "עיקר כלי זיינו של **משיח** הוא התפילה!" - ברענגט אויף דעם רבי נתן אין ליקוטי עצות[לא] אז דאס איז דער כלי זיין פון דער **"איש**

---

**כט.** שיש"ק ח"ג רמ"ב

**ל.** ראה שם בהערות.

**לא.** ליקוטי עצות תפילה ב וזל"ש: עִקַּר הַכְּלֵי זַיִן שֶׁל **אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי** הוּא הַתְּפִלָּה, וְכָל הַמִּלְחָמוֹת שֶׁצָּרִיךְ **הָאָדָם** לִכְבֹּשׁ הֵן מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר הָרָע הֵן שְׁאָרֵי מִלְחָמוֹת עִם הַמּוֹנְעִים וְהַחוֹלְקִים הַכֹּל עַל־יְדֵי תְּפִלָּה וּמִשָּׁם כָּל חִיּוּתוֹ. וראה בעל"ת מכתב שכ"ג: בַּמֶּה שֶׁכָּתוּב שָׁם שֶׁעִקַּר הַכְּלֵי זַיִן שֶׁל הַצַּדִּיק הִיא תְּפִלָּה וכו' וְהִזְכַּרְתִּי מַה שֶּׁכָּתַבְתִּי וְדִבַּרְתִּי בָּזֶה. **וְנִזְכָּר בְּהַלִּקּוּטֵי עֵצוֹת שֶׁנֶּאֱמַר גַּם עַל כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל** שֶׁכָּל כְּלֵי מִלְחַמְתּוֹ וְכוּ' הוּא הַתְּפִלָּה וְכוּ'. [..] וְאִם כִּי אֵין לִי כֹּחַ לִלְחֹם כָּל

**הישראלי"** - יעדער איש הישראלי האט דער כלי זיין וואס משיח וועט אריינברענגען אין די וועלט - משיח וועט אריינברענגען תפילה אין די וועלט.

זאגט דארטן דער רבי שפעטער [לב]: **"וצריך כל אחד לכוון בתפילתו שיקשר עצמו לצדיקים שבדור כי כל צדיק שבדור הוא בחינת משה משיח"** - אז מיר ווילן די תפילה זאל טאקע פועל'ן, דארף עס זיין מיט התקשרות לצדיק. ווייל דער צדיק איז משיח, משה איז בחינת משיח אזוי ווי ס'שטייט **"עד כי יבוא שילה, דא משה משיח"**.

זאגט דער רבי: **"וכל תפילה ותפילה שכל אחד מתפלל הוא בחינת איבר מהשכינה שהם איברי המשכן"** - די תפילה איז די שכינה, און יעדן איינעם'ס איינציגע תפילה איז א 'איבר' פון די שכינה כביכול, די שכינה איז דער משכן און דער משכן דאס איז די שכינה. און יעדער קרש, יעדער אָדֶן, יעדער שטיקל - איז א משהו פון די שכינה; א שטיקל איבר, א משהו פון די שכינה - א משהו פון דעם משכן.

**"שאין שום אחד מישראל יכול לאעלא שייפא בשייפא כל חד לדוכתיה** [אריינטאן איין איבר אין צווייטן און מחבר זיין] **אלא משה בלחוד"**. אזוי ווי

---

כָּךְ וְכוּ' אֲבָל הֲלֹא אֲנִי כְּמוֹ הָאִישׁ חַיִל הַפָּשׁוּט שֶׁגַּם הוּא לוֹקֵחַ כְּלֵי זַיִן מִבֵּית הַמֶּלֶךְ, וּמֻכְרָח לִלְמֹד תַּכְסִיסֵי מִלְחָמָה וְכוּ' בְּכָל יוֹם, וְהַכֹּל בְּכֹחַ הַמֶּלֶךְ וְהַשָּׂרִים הַמְלַמְּדִים אוֹתוֹ וְכוּ'. (וכעי"ז ראה גם בליקו"ה ברכת הראייה ה, יד ובתפילת המנחה ז, עה.).

**לב.** שם בתורה ב (אות ו) וז"ל: וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְכַוֵּן בִּתְפִלָּתוֹ שֶׁיְּקַשֵּׁר עַצְמוֹ לַצַּדִּיקִים שֶׁבַּדּוֹר, כִּי כָּל צַדִּיק שֶׁבַּדּוֹר הוּא בְּחִינַת משֶׁה מָשִׁיחַ, כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ שֶׁהַצַּדִּיקִים קוֹרִין זֶה לָזֶה משֶׁה, כְּמוֹ 'משֶׁה שַׁפִּיר קָאֲמַרְתְּ (שבת ק"א:). וּמשֶׁה זֶה בְּחִינַת מָשִׁיחַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית מ"ט) "עַד כִּי יָבֹא שִׁילֹה" - דָּא משֶׁה מָשִׁיחַ (זוהר בראשית כ"ה: ודף כ"ז.). וְכָל תְּפִלָּה וּתְפִלָּה שֶׁכָּל אֶחָד מִתְפַּלֵּל הוּא בְּחִינַת אֵיבָר מֵהַשְּׁכִינָה, שֶׁהֵם אֶבְרֵי הַמִּשְׁכָּן, שֶׁאֵין שׁוּם אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יָכוֹל לְאַעֲלָא שַׁיְפָא בְּשַׁיְפָא כָּל חַד לְדוּכְתֵּיהּ. אֶלָּא משֶׁה בִּלְחוּד. וּבִשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר כָּל הַתְּפִלּוֹת לְצַדִּיק הַדּוֹר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת ל"ט) "וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל משֶׁה". וְהוּא יוֹדֵעַ לְאַעֲלָא שַׁיְפָא בְּשַׁיְפָא וְלַעֲשׂוֹת אוֹתָהּ קוֹמָה שְׁלֵמָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם מ) "וַיָּקֶם משֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן" (עיין זוהר פקודי רל"ח:).

ס'איז געווען אין משכן - אלע אידן האבן געברענגט (זייערע נדבות) און די אידן די 'חכמי לב' האבן געמאכט דעם משכן, אבער אויפשטעלן דעם משכן האט קיינער נישט געקענט - נאר משה.

**"בשביל זה צריך להביא לקשר כל התפילות לצדיק הדור כמו שכתוב ויביאו את המשכן אל משה, והוא יודע לאעלא שייפא בשייפא ולעשות אותה קומה שלימה כמו שכתוב ויקם משה את המשכן"** – דאס קען נאר דער צדיק מאכן, אז ער נעמט צאם אלעס – אלע תפילות נעמט ער צוזאמען און ער מאכט פון דעם א משכן.

ווי דער רבי זאגט שפעטער[לג] אז דערפאר איז זאך מעכב תפילות, ווייל ביז דער צדיק שטעלט עס נישט צוזאמען - א מענטש זעהט נאכנישט, ער ברענגט און ברענגט תפילות, און ער זעהט נאכנישט אז ס'האט גע'פועל'ט.. קען זיין אז דו האסט געברענגט – זייער גוט אז דו האסט געברענגט, זאלסט ווייטער ברענגען - אבער עס דארף זיך צאמקלייבן, דער צדיק נעמט צאם אלע תפילות און בויעט אויף פון דעם א משכן - דעמאלטס ווערט מען געהאלפן!

ממילא איז דאס א גרויסער חיזוק אין תפילה, אז א מענטש דארף וויסן אלעמאל; עס קלייבט זיך אן, דער צדיק קלייבט צאם די תפילות ביז ער בויעט אויף א משכן. אין א אנדער פלאץ זאגט דער רבי[לד]: אז דער צדיק מאכט **"משכנות"**; אסאך משכנות – פון יעדע זאך ווערט צאמגעשטעלט א גאנצער משכן.

---

**לג.** ראה שם באות ח'

**לד.** ליקו"מ תורה רפ"ב

## דו לערנס'ט 'ניצוצי נשמות'!

זאגט דער רבי ז"ל א גרויסער יסוד אין די גאנצע זאך: "**וכל התורה שאדם לומד לשמור ולעשות**" - די גאנצע תורה וואס א איד לערנט 'לשמור ולעשות'; אויף צו קענען מקיים זיין "סור מרע ועשה טוב", צו זאך אפהיטן פון א 'לא תעשה' און מקיים זיין א 'מצות עשה' - **כל האותיות הם ניצוצי נשמות**" - אלע אותיות פון די תורה וואס ער לערנט זענען ניצוצי נשמות.

מ'דארף וויסן, די ערשטע זאך דארף מען וויסן: אז מ'לערנט, איז פשוט, ס'גייט נשמות.. א מענטש לערנט, ער זעצט זיך ביי א שולחן ערוך, ער לערנט; איז יעדער אות – נישט נאר יעדער ווארט, נאר יעדער אות און אות - איז ניצוצי נשמות! יעדער ווארט גיעבט ארויס נאך א ניצוץ, ער באשאפט ניצוצות, 'ניצוצי נשמות' - -

די אלע ניצוצי נשמות וואס א יונגערמאן זיצט אָפּ א פארמיטאג און לערנט, ער לערנט, ער לערנט.. ער קלייבט אָן טויזנטער נצוצות!

**לה.** וְכָל הַתּוֹרָה שֶׁאָדָם לוֹמֵד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת כָּל הָאוֹתִיּוֹת הֵם נִיצוֹצֵי נְשָׁמוֹת וְהֵם נִתְלַבְּשִׁים בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה, וְנִתְחַדְּשִׁים שָׁם בִּבְחִינַת עִבּוּר. (כַּמּוּבָא בַּגִּלְגּוּלִים שֶׁכָּל הַנְּשָׁמוֹת בָּאִים בְּתוֹךְ הַמַּלְכוּת בִּבְחִינַת עִבּוּר וְנִתְחַדְּשִׁים שָׁם.) וְזֶהוּ (תְּהִלִּים י"ט): "הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹד אֵל", הַיְנוּ הַתּוֹרָה שֶׁהוּא אֵשׁ וּמַיִם, הַיְנוּ בְּחִינַת הַנְּשָׁמוֹת. וּבָאִים בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת כְּבוֹד אֵל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ס"ו): "שִׂימוּ כָבוֹד תְּהִלָּתוֹ", בְּחִינַת: "תְּהִלָּתִי אֶחְטָם לָךְ". והנשמות עם התפילה (ה)נקרא כבוד, עַל שֵׁם שֶׁהִיא מַלְבֶּשֶׁת [בכת"י: אותם] אוֹתָנוּ, כִּי ר יוֹחָנָן קָרָא לְמָאנֵיהּ מְכַבְּדוּתָא (שבת קי"ג), וְעַל יְדֵי זֶה נִקְרֵאת כְּבוֹד אֵל. וְהֵן מְאִירִין זֶה לָזֶה, הַנְּשָׁמוֹת מְאִירִין לְהַתְּפִלָּה בִּבְחִינַת הַעֲלָאַת מַיִּן נוּקְבִין, וְהַתְּפִלָּה מְאִירָה לְהַנְּשָׁמוֹת בִּבְחִינַת חִדּוּשִׁין, שֶׁהִיא מְחַדֶּשֶׁת אוֹתָם בִּבְחִינַת עִבּוּר. וְהַנְּשָׁמוֹת הַמְלֻבָּשִׁין בַּתְּפִלָּה, הַמּוּבָאוֹת לַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר, הֵם בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים מ"ה): "בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ רֵעוֹתֶיהָ מוּבָאוֹת לָךְ".

און די אלע ניצוצות, גייט שפעטער א מנחה **"והם מתלבשים בתוך התפילה"** - די אלע נצוצות; דער גאנצן פארמיטאג, דער גאנצער לערנען - אלעס גייט ארויף.

מ'לערנט הלכה למעשה, אזוי זאגט דא דער רבי **"לשמור ולעשות"** - דער לערנען דארף זיין הלכה למעשה, הלכה למעשה[לו]... דאס רופט זאך 'נעשה' – מ'לערנט הלכה למעשה.

אבער אלץ וואס מ'לערנט איז נאכנישט קיין פארטיגע זאך, דאס איז אלעס **"נתלבשים בתוך התפילה ונתחדשים שם בבחינת עיבור, כמובא בגלגולין שכל הנשמות באים בתוך המלכות בבחינת עיבור ונתחדשים שם"**. אז די 'מלכות', וואס דאס איז די 'שכינה', וואס דאס איז די תפילה - איז די אלע ניצוצי נשמות פון די אותיות התורה וואס מ'לערנט "לשמור ולעשות" גייט אריין אין די תפילה.

מ'לערנט, איז יעדער אות איז א ניצוץ! זאגט איינער: אויב ס'איז נצוצות וואס דארף ער לערנען (- און זיך מוטשעהן צו פארשטיין א סעיף שולחן ערוך), קען ער דאך זאגן זוהר?! ניין - זאגט דער רבי - ניין! **"אדם לומד לשמור ולעשות"** - דו מיינסט אז דו לערנסט דא סתם... ס'איז ניצוצות – ס'איז זוהר!

דו לערנ'סט שולחן ערוך - ס'קוקט אויס אז ס'איז פשט, ס'איז פשוט..

ניין, זאלסטו וויסן:

**יעדער ווארט שולחן ערוך איז זוהר!**

**יעדער ווארט איז "ניצוצי נשמות"!**

**פייער איז דאס - -**

און דאס אלעס גייט אריין אין דעם דאווענען - קומט א דאווענען נאכדעם דארף ווערן א פייערדיגער דאווענען. דער גאנצער "שולחן ערוך" איז

**לו.** ראה ליקו"ה נטילת ידיים ו, צא. (ראה גם ליקו"מ תורה ח' ותורה ס"ב)

ארייגעגאנגען אין דעם דאווענען "**ונתחדשים שם בבחינת עיבור**" - אזוי ווי א עיבור, ס'גייט אריין א טיפה און ס'באנייט זאך און ס'ווערט פון דעם א גאנצער מענטש.

ס'גייט אריין (- אין דער דאווענען) "**ניצוצי נשמות**" - א גאנצע קומה דארף ווערן פון דעם!

"**וזהו השמים מספרים כבוד ק'ל, היינו התורה שהוא אש ומים** - די תורה איז דאך אש ומים, איז אז מ'לערנט די תורה איז דאס אש ומים - **היינו בחינת הנשמות, ובאים בתוך התפילה** - וואס די תפילה ווערט אנגערופן – **כבוד ק'ל**.

די תפילה ווערט אנגערופן 'כבוד ק'ל'. פארוואס? ס'איז "**השמים מספרים כבוד ק'ל**". וואס איז די תפילה? די תפילה דערציילט אונז "שבחו של מקום", די תפילה רעדט פון דעם אויבערשטן - "כבוד ק'ל".

"השמים מספרים כבוד ק'ל" - ווילסט כבוד ק'ל?! ווילסט רעדן פון כבוד ק'ל?! - אז דו וועסט לערנען א פארמיטאג פארדעם, וואס דאס איז אש ומים - וועט די אותיות התורה אריין גיין אין דעם דאווענען.. דאס איז כבוד קל, דאס איז כבוד קל!

ווער קען דערציילן כבוד קל?! - דער שמים, "השמים מספרים כבוד קל"!

## וואס מ'יינט א ירא 'שמיים'?

דרך אגב: וואס איז דער היפך פון שמים? ארץ!

ס'דא א "עם **הארץ**" - דער עם הארץ, ער קען נישט דערציילן כבוד קל. דער וואס ער לערנט תורה, וואס ער איז 'השמים', ער האט צו טאהן מיטן הימל.. אבער, ס'דא א מענטש וואס ער איז א 'עם הארץ'; א פארנומענער א גאנצן טאג צו באארבעטן די ערד - די "ארץ". און פארקערט פון דעם איז א ירא "שמים".

ס'דא א 'ירא **שמים**' מיט א 'עם **הארץ**' - וואס דער חילוק צווישן א ירא שמים מיט א עם הארץ? וואס עפעס א צוויי נעמען דא - א 'ירא שמים' און 'עם הארץ'?!

דער הסבר איז אזוי: א 'עם הארץ', איז א 'ירא ארץ' למעשה - פארוואס ארבעט ער?! פארוואס ארבעט ער אזוי שווער?! - ער האט פשוט **מורא** ער וועט נישט זיין אויף דער ערד, ער דארף [זיין] דא אויף דער ערד, האט ער מורא - איז ער א 'ירא ארץ'!

ער טראכט א גאנצע צייט: וואס וועט זיין כ'וועל נישט האבן קיין געלד?! כ'וועל נישט האבן פרנסה, כ'וועל אונטערגיין.. און וואס איז מיטן הימל? - א בוידים האב איך מיטן הימל, אינטערעסירט מיר דער הימל?

אבער דער תלמיד חכם איז א ירא שמים - א "ירא שמים יוצא ידי שניהם" (ביידע וועלטן) - אבער וואס וועט זיין, וואס וועט זיין אויף יענע וועלט?! וואס וועט זיין דארטן?! וואס וועט זיין מיט 'די שיטה', וואס וועט זיין מיט 'די שיטה'; כ'האב דאך געלערנט - איך ווייס אז אויב איך בין יוצא צוויי שיטות איז דער גן עדן בעסער..

אבער א עם הארץ זאגט: איך וועל דארטן האבן - דא דארף איך האבן א דירה פון אפאר צימערן, יוצא זיין אלע שיטות, אלע מאדעס, מיט אלע.. אבער דארטן איז נישט משַנה, ס'וועט זיין **"כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא** [לז]**"** - כל ישראל יש להם חלק בעולם הזה אויכעט; לאמיר זעהן אז דא זאל איך האבן..

ווילסט עולם הזה? - ס'דא מענטשן וואס גייען עסן יעדע נאכט אויף א חתונה. מ'קען, אז דו ווילסט עולם הזה, מ'קען יעדע נאכט גיין עסן פליישיג'ס אויף א חתונה, וועסט האבן עולם הזה..

איז ס'דא מענטשן וואס זייער עולם הבא וועט אויך זיין אזוי; מ'וועט אים געבן יעדע נאכט צו גיין עסן אויף א חתונה אויף יענע וועלט, ער וועט עסן

---

**לז.** סנהדרין י, א.

פליישיג'ס אויף אלע חתונות דארטן - אבער ער וועט זיצן ביים טיש פון יענע וואס 'כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא'..

אוודאי, טאמער מ'וועט אים ארויסווארפן –דארפסטסו זיך איינ'חזר'ן: טאמער מ'וועט אים ארויסווארפן פון די חתונה אויף יענער וועלט, זאל ער זאגן: "כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא" - איר טארט מיר נישט ארויסווארפן פון דא! איך געהער צום טיש פון די שולחן עניים, איר טארט מיר נישט ארויסווארפן! - אוודאי, קיין שלימזלניק טאר מען נישט זיין, יהיה מה שיהיה..

אבער ס'קען דאך נישט זיין אזא זאך אז "יציבא בארעא וגיורא בשמי שמיא [לח]" (- האזרח יושב בארץ, והגר בשמי השמים..) - אין עולם הזה האט ער זיך אינזינען צו זיצן אין 'מזרח', און אין עולם הבא זיצט ער אין 'מערב'. ס'קען נישט זיין אזא זאך.. אזא מענטש איז נישט קיין סוחר, ס'איז "**תְּבַקְשֶׁנָּה כַכָּסֶף** [לט]" - מ'דארף אריינטראכטן וואס מ'טוט, אריינטראכטן..

על כל פנים, זאגט דער רבי: **"השמים מספרים כבוד קל"** - ווילסט רעדן פון דעם אויבערשטן, די גרויסקייט פון דעם אויבערשטן - 'השמים'. די וואס זיי לערנען תורה, זיי זענען יראי 'שמים', תורה איז אש ומים (- שמים) - מענטשן וואס זיי טראכטן פון זייער נשמה; ער ווייסט אז יעדערווארט וואס מ'לערנט תורה, באקומט ער א גרעסערע נשמה.

יעדן פארמיטאג וואקסט אים צו די נשמה, וואקסט אים צו נאך פול ניצוצות - יעדער טאג, ער זיצט אפאר שעה, איז צוגעקומען נאך טויזנטער ניצוצות. ער איז צוגעוואקסן, זיין נשמה איז מער נשלם געווארן. נו, אזא איינער מיט א נשמה - ער גייט - מיט די נשמה גייט ער דאווענען, ער גייט דאווענען מיט די נשמה - איז ער "השמים מספרים כבוד קל!".

---

**לח.** לשון תמיהה המובא בגמרא.

**לט.** משלי ב, ד.

## דער ׳לבוש׳ פון די תורה

זאגט דער רבי ווייטער: ׳כבוד קל׳ דאס איז די תפילה, אזוי ווי ס׳שטייט **״שימו כבוד תהלתו** – ׳תהילתו׳ דאס איז די תפילה – **בחינת תהילתי אחטם לך״** (אזוי ווי דער רבי איז מסביר אנהויב די תורה).

**״והנשמות עם התפילה הנקרא כבוד״** - די נשמות אליין איז נאכנישט קיין כבוד, נאר אז די תפילה איז מלביש די נשמות, דעמאלט רופט זיך עס ׳כבוד קל׳ – **על שם שהיא מלבשת אותם״.**

**״כי רבי יוחנן קרא למאניה מכבדותא״** - די בגדים זיי זענען מכבד, זיי זענען מכבד דעם מענטשן. א מענטש אָן בגדים, קען זיין גאר חשוב – אבער א ׳גברא ערטילאה׳ (- א מענטש אָן קליידער) איז ער.. אבער אז ער האט בגדים, און בפרט אז ער האט חשוב׳ע בגדים **״חלוקא דרבנן״** - דעמאלטס איז ער מכובד׳יג.

א מענטש לערנט תורה אָן תפילה - איז עס אזוי ווי א נאקעטער מענטש; ער האט טאקע געלערנט אסאך, ער האט געזעצן א גאנצן פארמיטאג און געלערנט תורה.. אבער אויב דער דאווענען נאכדעם איז גארנישט - ס׳גייט נישט אריין אין דעם דאווענען בכלל - ביים דאווענען איז ער שוין.. ס׳האט נישט קיין שייכות; דער לערנען זיינער האט גארנישט מיטן דאווענען - **האט די תורה נישט קיין לבוש.**

טאקע די תורה איז דער עיקר, די תורה איז די פנימיות, אבער אָן דעם דאווענען - אויב ס׳איז נישט געווארן פון דעם קיין ׳כבוד קל׳; אויב דער לערנען ברענגט אים נישט אריין אז ער ווייסט ווער האט מיר געגעבן די תורה, וואס איז די תורה, וואס הייסט עס א סעיף שולחן ערוך, וואס הייסט

א סברא פון א ראשון, פון א אחרון, וואס הייסט א לשון - וואס יעדער לשון איז "**לְשׁוֹן חֲכָמִים מַרְפֵּא**[מ]"!

וואס מ'לערנט, וואס איז דאס? דאס איז אלץ כבוד קל, דאס איז אלץ תורת השם! - ס'איז נישט קיין זאך וואס מ'זאגט א סברא אין מילי דעלמא, אין חכמות חיצוניות; דער זאגט א סברא אהער דער זאגט א סברא אהין. דאס איז אלעס זאכן - **ס'איז שטיקער אלוקות, ס'איז שטיקער נשמה!**

שטעלט ער זיך דאווענען נאכדעם, ער שפירט דעם אויבערשטן. - פון וואנעט קען מען דעם אויבערשטן? פון לערנען די תורה קען ער דעם אויבערשטן; ער שפירט, ער שפירט אלוקות, ער שפירט 'כבוד שמים'.

איז אז פון דעם לערנען ווערט א דאווענען, דעמאלט זעט זיך ארויס דער 'כבוד' - זעט זיך ארויס וואס דער לערנען איז; אויב דער לערנען האט אים געברענגט צו אַזאַ דאווענען, דער לערנען גיבט אים, ער ווערט א בעל השגות אלוקות פון דעם לערנען[מא] - דעמאלט זעט מען ארויס וואס דער לערנען איז.

אבער טאמער פון דעם גאנצער לערנען איז ביי אים נישט מער ווי א "**קרדום לחפור בו**[מב]" - דער גאנצער לערנען איז ביי אים א 'היכי תמצא'; מקסימום וועט ער זיין א 'עבד לעבדי השם' ווי מ'רופט עס, אויפן בעסטן אופן וועט ער באדינען די שטאט - אלע וועלן אים קומען פרעגן שאלות, בסדר זייער וואויל..

אבער דאס איז דער גאנצער תכלית?! - אז די תורה ביי אים האט נישט קיין לבוש, ס'האט נישט דעם ריכטיגן פנים..

---

**מ.** משלי יב, יח (וראה בכוכבי אור אמת ואמונה ג'). לעיין ספר המידות צדיק אות ט

**מא.** ראה ליקו"מ תורה ל"א

**מב.** אבות ד, ה. וראה בליקו"ה תלמוד תורה ג, ב וז"ל: וְעִקַּר הֶעָמָל וְהַיְגִיעָה שֶׁצְּרִיכִין לַעֲמֹל וּלְהִתְיַגֵּעַ הַרְבֵּה בַּתּוֹרָה הוּא רַק בִּשְׁבִיל לְבָרֵר עֵסֶק הַתּוֹרָה שֶׁיִּהְיֶה הַלִּמּוּד לִשְׁמָהּ לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְיוֹצְרוֹ יִתְבָּרַךְ וְלֹא יִהְיֶה לְמוּדוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, בִּשְׁבִיל תּוֹעֶלֶת עַצְמוֹ לְהִתְיַהֵר וּלְקַנְטֵר חַס וְשָׁלוֹם, **וְלֹא יַעֲשֵׂם עֲטָרָה לְהִתְגַּדֵּל בָּהֶם וְלֹא קַרְדֹּם לַחְפֹּר בָּהּ וְכוּ'**. (וראה גם בהל' כלאי הכרם א, ב)

אבער אז די תורה מיט די תפילה גייען צוזאמען – "השמים מספרים כבוד קל", וואס דעמאלט **"הם מאירים זה לזה"** – די תורה מיט די תפילה באשיינען איינעם דער צווייטן.

**"הנשמות מאירין לתפילה, בבחינת העלאת מ"ן"** - א איד קומט דאווענען ווערט א העלאת מ"ן[מג]. יעדער דאווענען איז א 'יחוד', דער דאווענען איז א יחוד, ס'ווערט א העלאת מ"ן.

"העלאת מ"ן" הייסט, אז די שכינה זאגט: **"חזי במה ברי קאתינא לגבך!"** - פון אלע מעשים טובים פון אידן; פון די תורה וואס אידן לערנען, פון די מעשים טובים - פון דעם ווערט א יחוד. דער יחוד ווערט אז די 'מיין נוקבין' - אז די נוקבא, די שכינה - איז זיך מתפאר מיט די תורה, מיט די מעשים טובים, מיט די קינדער אירע - מיט די אידישע קינדער.

און מיט דעם (- מיט די אותיות התורה) האט די תפילה א עלייה - אז די תפילה, ס'איז נישט א תפילה פון **"גַּם תְּפִלָּתוֹ תּוֹעֵבָה**[מד]**"** - נאר ס'איז א תפילה וואס

---

**מג. המושג מ"ן הינו מהמושגים הנפוצים בתורת הקבלה, והוא ר"ת מ'יין נ'וקבין.** וביאורו כשעולה מהאדם אתערותא דלתתא (כמו השתוקקות וכיסופין להשי"ת, או איזה התעוררות או שאר פעולה טובה בעבודת ה'), הרי זה גורם נחת רוח לבורא ית' וגורם כביכול התעוררות ורצון למעלה, להשפיע שפע טובה וברכה לדרי מטה, שע"ז אמר בזוהר: באתערותא דלתתא אתער לעילא". (מספר "דרך כוכב" על ליקו"מ מהגרי"ם שכטער שליט"א)

וראה באור החיים עה"ת בראשית כ"ח, יד: ירמוז אל בחינת מעשים טובים אשר ישתדל אדם בעולם הזה ויעלה באמצעותה אורות עליונים בשורש נשמתן והם נקראים בדבריהם ז"ל (זהר ח"א יח) **מיין נוקבין**, [..] ובעלות אלו ירדו מיין דכורין כי בהתעוררות התחתונים יתעוררו מים העליונים להשפיע אורות נוראים בסוד נשמתו.

**מד.** ראה בליקו"מ תורה ט: אִי אֶפְשָׁר לְהִתְפַּלֵּל רַק כְּשֶׁלּוֹמֵד תּוֹרָה כִּי לֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד (אָבוֹת ב) וּכְתִיב (מִשְׁלֵי כ"ח, ט) : "מֵסִיר אָזְנוֹ מִשְּׁמֹעַ תּוֹרָה גַּם תְּפִלָּתוֹ תּוֹעֵבָה". ובליקו"ה בית הכנסת ו, ו: "מֵסִיר אָזְנוֹ מִשְּׁמוֹעַ תּוֹרָה גַּם תְּפִלָּתוֹ תּוֹעֵבָה" 'מִשְּׁמוֹעַ' דַּיְקָא, כִּי שְׁמִיעָה בְּלִבָּא תַּלְיָא בְּחִינַת, "הַט אָזְנְךָ וּשְׁמַע דִּבְרֵי חֲכָמִים", שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת אֱמוּנַת חֲכָמִים, כִּי צְרִיכִין לְהַטּוֹת אָזְנוֹ הֵיטֵב הֵיטֵב לִשְׁמוֹעַ דִּבְרֵי חֲכָמִים לְהַבְחִין בֵּין הָאֱמֶת הַבָּרוּר וּבֵין הָאֱמֶת שֶׁאֵינוֹ בָּרוּר מִכָּל שֶׁכֵּן בֵּין הַשֶּׁקֶר, עַד שֶׁיִּזְכֶּה לִמְצֹא נְקֻדַּת הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ שֶׁעַל-יְדֵי זֶה מִתְבָּרֵר הָאֱמוּנָה כַּנַּ"ל, כִּי עִקַּר עֵסֶק הַתּוֹרָה

קומט פון איינער וואס ער לערנט, איז די תפילה בארימט זיך; די תפילה איז מעורר מיין נוקבין, זי איז מעורר דעם יחוד, זי איז מעורר אז מ'זאל איר ווען אויפנעמען..

איז במילא, די נשמות וואס ליגן אין די תורה, דאס איז מאיר אין די תפילה. און די תפילה איז מאיר אין די נשמות "**בבחינת חידושין, שהיא מחדשת אותם בבחינת עיבור**" - אז זיי גייען אריין אין די תפילה, איז זי מחדש; אז נאכן דאווענען, אלעס וואס מ'האט געלערנט ווערט 'חידושי אוריתא' פון דעם.

אזוי ווי אלע מאל אז מ'גייט אריין אין די נוקבא (- וואס דאס איז דער 'יחוד') ווערט פון דעם א עיבור; ווערט פון דעם א התחדשות, ווערט פון דעם 'הולדות'. אזוי אויך, ווען די אותיות התורה גייען אריין בבחינת עיבור, ווערט פון דעם חידושי אורייתא. אז נאכן דאווענען ווערט נייע חידושים; ס'ווערט א נייער פנים. דער גאנצער לערנען האט עפעס, ס'איז עפעס א אנדער זאך אינגאנצן - -

## דער 'יחוד' ווערט דורך דעם צדיק

זאגט דער רבי: איז די צוויי זאכן - אז די תורה איז זיך מחבר מיט די תפילה, און בײדע צוזאמען – "**והנשמות** (די ניצוצי הנשמות פון די תורה) **המלובשות בתפילה, המובאות לצדיק שבדור**" - דאס אלעס קומט אָן צום צדיק הדור. ווייל דורך די תפילה, וואס די תפילה האט אין זיך פארדעם די תורה, און די תורה גייט אריין אין די תפילה, און דאס קומט אלעס צום צדיק הדור – זענען זיי בבחינת "**בתולות אחריה רעותיה מובאות לך**".

צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה לִלְמֹד וּלְלַמֵּד, לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם, וּמִי שֶׁמֵּסִיר אָזְנוֹ מִשְּׁמוֹעַ תּוֹרָה בִּבְחִינָה זֹאת גַּם תְּפִלָּתוֹ תּוֹעֵבָה.

אין קאפיטל מ"ה אין תהלים - קאפיטל 'למנצח על שושנים'; דער גאנצער מזמור רעדט דארטן דער שבח פון תלמיד חכם, דער שבח פון צדיקים[מה]. איז דארטן שטייט אז די כלה קומט אָן ביז'ן מלך: "וְיִתְאָו הַמֶּלֶךְ יָפְיֵךְ.. "כָּל כְּבוּדָּה בַת מֶלֶךְ פְּנִימָה.. לִרְקָמוֹת תּוּבַל לַמֶּלֶךְ, בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ, רֵעוֹתֶיהָ מוּבָאוֹת לָךְ". אז די 'בת מלך' - וואס דא מיינט עס די תפילה, דער רבי טייטשט אז די תפילה וואס ווערט אנגערופן **"בתולות אחריה"**, וואס דאס איז די תורה וואס גייט נאך די תפלה - איז **"רעותיה מובאות לך"** - עס קומט אן צום צדיק[מו].

קומט אויס, אז ס'קומט אָן צום צדיק, דאס איז דער אמת'ער יחוד וואס ווערט - אז די כלה קומט אן צום חתן; אז ס'קומט אן צום צדיק.

אזוי ווי ס'שטייט אין זוהר הק': אז די גאנצע משכן איז די 'כלה' פון משה. משה האט אויפגעשטעלט דעם משכן, ס'איז זיין כלה - אזוי שטייט אין זוהר פיקודי[מז] - (כ'בין נישט קיין בקי, אבער כ'האב עס געזען אמאל.. )

עכ"פ זאגט דא דער רבי א מורא'דיגע זאך - זאגט דער רבי, אז ס'גייט א סדר. ווי זאגט איינער: דריי זאכן איז דא דא; ס'איז דא תורה, ס'איז דא תפילה, און ס'איז דא דער צדיק.

ס'דא איינער נעמט זיך [נאר] צו תורה, דאס איז נישט קיין תפילה. איינער 'זיצט' ביי תפילה (- פארקערט פון 'עומד') דאס איז נישט קיין תורה. איינער אינטראסירט איםביידע נישט - ער רעדט נאר פון צדיק, רעדט נאר פון

---

**מה.** ראה ביאור הליקוטים על תורה זו באות א'.

**מו.** ראה בזוהר שמות דף רל"ה: תָּא חֲזֵי, בְּהַהוּא זִמְנָא דְאוֹקִים מֹשֶׁה יַת מַשְׁכְּנָא, אִסְתָּכַּל בְּכָל אִינּוּן עֲבִידָאן, דַּהֲווֹ כְּדְקָא יֵאוֹת, וּכְדֵין אוֹקִים לֵיהּ. **וְכָל אִינּוּן עֲבִידָאן דַּהֲווֹ בֵּיהּ בְּמַשְׁכְּנָא, כָּל חַד וְחַד אַיְיתִיאוּ לֵיהּ לְמֹשֶׁה. וְרָזָא דָא (תהלים מה) בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ רְעוֹתֶיהָ מוּבָאוֹת לָךְ. מוּבָאוֹת לָךְ, דִּכְתִּיב (שמות לט) וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה.**

**מז.** זוהר פקודי דף רל"ה: (וענין זה שהמשכן נקרא "כלת משה" מובא עוד כמו"פ בזוהר, ראה שמות דף ק"מ: ודף קמ"ה. ויקרא דף ד. ועוד)

צדיק, הויכע זאכן.. און איינער רעדט פוןביידע זאכן (- תורה ותפילה) - אבער פון 'צדיק' אינטרעסירט אים נישט.

זאגט דער רבי: ניין, ס'גייט נישט אזוי, די אלע זאכן גייען צוזאמען: אָן תורה איז די תפלה נישט קיין שלימות, אָן תפלה האט די תורה נישט קיין שלימות, און ביידע צוזאמען דארף אלעס קומען צום צדיק, **און דעמאלטס איז עס א חתונה**[מח] - -

עכ"פ, על פי דעם וואס מיר האבן דא יעצט גיזעהן אין **תורה ב'**, פארשטייען מיר שוין וואס דער רבי זאגט דא אין **תורה כ"ב**: אז דורך דעם וואס "בימי רבן גמליאל האט מען געלערנט בעמידה", אז די תורה איז געגאנגען מיט תפילה צוזאמען - איז געווען '**כבוד**' התורה.

דאס איז דער אמת'ער "**כבוד התורה**": דער כבוד התורה איז - אז די תורה מיט די תפילה גייט צוזאמען, דעמאלט איז דער כבוד התורה.

דאס איז דער כבוד התורה!

---

**מח. הערת מערכת:** עניין זה הורחב והתבאר בהמשך השיעור (בביאור עניין החתונה ורמזי "חלום החתונה" המובא בחיי מוהר"ן פ"ח). ומחמת אריכות הדברים חילקנו את השיעור לשתי חלקים, והמשך השיעור יופיע בחוברת הבאה אי"ה לתועלת הקוראים הע"י.

בס"ד

מִי שֶׁתּוֹרָתוֹ בְּלֹא הֲבָנָה בָּהּ שׁוּם חִדּוּשׁ, אַף עַל פִּי שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְעַנֵּג בָּהּ גַּם כֵּן, אַף עַל פִּי כֵן אֵין לִדְרֹשׁ אוֹתָהּ לָרַבִּים

**אֲבָל מִי שֶׁחֲנָנוֹ ה' לְהָבִין וּלְחַדֵּשׁ אֵיזֶה דָּבָר כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ, הַיֹּשֶׁר מְחַיֵּב, שֶׁיְּגַלֶּה וְיַכְנִיס זֹאת הַהֲבָנָה לְעַם סְגֻלָּה, וְיֵיטִיב מִטּוּבוֹ לַאֲחֵרִים**

(ליק"ע)

# מגלים ומכניסים זאת ההבנה לעם סגולה !

## יש לנו עכשיו את ההזדמנות ואת הזכות להוציא לאור

דיבורי ראש חבורתנו הבלתי נשכח

## ר' **חיים בנימין וורטהיימר** ז"ל

## שדיבוריו היה לחדש ולהחיות את דברי רביה"ק לקיימם בתמימות ופשיטות

# חבר יקר !

## קח שותפות קבוע בעסק קדוש זה

**איהר קאנט זיין שטארק מיט געלט**
**און מיט רצון און מיט טרחא**

| לתרומות | ירושלים: | בית שמש: |
|---|---|---|
| | הר"ר יהודה שטרנפלד הי"ו | הר"ר דוב בער רובינפלד הי"ו |
| | 05331.93747 | 05341.52325 |